493436

CENZURAT.


# BINEVESTITORUL

# המבשר

א בלאט וועגען רעליגיאן און מאראל.


„מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום, מבשר טוב ומשמיע ישועה..

(ישעיה נ״ב, 7).

ולכו אל-כל-העולם וקראו את הבשורה לכל-הבריאה...

(ברית החדשה: מרק ט״ז 16).

ווי ליבליך זענען אויף די בערג די פיס פון די מבשרים, וואס גיבן, צו הערן וועגן שלום, פרעדיגן גוטעס, גיבן צו הערן די ישועה״..

(ישעיה נ״ב 7).

„געהט אין דער גאנצער וועלט און זאגט די בשורה אללע קרעאטור...״

(ברית החדשה: מרק ט״ז 16).


No. 3—4. 1928. קישינעוו.


BCU Cluj / Central University Library Cluj

## אינהאלט:


1. ברוך הבא!
2. פסח הוא ליהוה
3. שיר הגאולה.
4. וואס איז דאס א יודען-קריסט.
5. וואס דארף ישראל וויסן?
6. אין וואס איז גליק?
7. דער פרא-פאלעסטינער קאמיטעט


## ברוך הבא!

דעם 21-טן מערץ האבען מיר געהאט די גרויסע פריידע צו ווילקאמען דעם פארשטעהער פון אונזער מיססיאן אין בעסאראביע מיט זיין פרוי ל. און מ. אווערבאך. אין משך פון 8 חדשים האט ער געווייזט אין פארשידענע לענדער, הויפטזעכליך אין אמעריקא און ענגלאנד, און האט זיך מעהר בעקאנט מיט דער לאגע פון אונזער פאלק ישראל.

אונזערע געגנער האבען אויך דאס מאהל ניט פערשלאפען די געלעגענהייט אַ שמיר צו טהון דעם מיססיאנער. קלאנגען ווי: „אווערבאך האט פערנומען געלד און איז ענטלאפען אין אמעריקא״ און יעצט „אווערבאך האט אנגעקלאפט די קעשענעס און איז צוריקגעקומען״ דערטראגען זיך צו אונזערע אויערען. מיר האבען זיי קיין פאראיבעל ניט. פון דער פול-הייט פון הערצען רעדט דאס מויל. א דאנק גאט מיר האבען א גוט ווארט פאר יעדען אויך פאר אזעלכע. קומט שבת אויך זונטאג 7 אזייגער אין זאאל בית-אל (אדרעס אויף לעצטען בלאט) ווען אונזער פארשטעהער וועט האבען פיעל אינטערעסאנטעס אונז צו דערציילען פון זיין רייזע.

**י. ש. אסטרובסקי.**

# פסח הוא ליהוה.

אונטער דעם טיטעל האט א געוויסער פרע-דיגער א ליעבהאבער פון אידישען פאלק אנ-געשריבען א טראקטאט פאר אידן אין דער פארם פון א געשפרעך. מיר גיבען דא אנ-עקס-טראקט פון דיזעם טראקטאט, פריי איבערזעצט אויס ענגלישען כדי אונזערע לעזער זאהלען קע-נען זעהען, די ביבלישע בעדייטונג פון פסח.

**א י ד.** מיר אידען מ ו ז ע ן אלע האלטען פסח. דער גאט פון ישראל זאגט: „און דיזער טאג זאל זיין צו אייך אנ־אנדענק; און איהר זאלט איהם פייערן צו גאט אין אייערע דרות; איהר זאלט עס פייערן אלס א געזעץ אויף עביג. זיבען טעג זאלט איהר עסען מצות; דעם ערשטען טאג זאלט איהר ארויסרוימען זויער-טייג פון אייערע הייזער; ווארין ווער סע וועט עסען חמץ פון דעם ערשטען ביז דעם זיבעטען טאג, דיזער זאל פערשניטען ווערען פון ישראל (שמות י"ב. י"ד—ט"ו) קריסטען האלטען ניט פסח. און אזוי דארפען אידען ניט גלויבען אין ישוע המשיח.

**מ ש י ח י.** ווען די אידען וואלטען געטאן אלעס וואס גאט האט זיי געהייסען צו טהון, ניט מעהר און ניט ווייניגער, דען וואלטען קריסטען געמוזט אדער פארלייקענען די אינס-פיראנציאן פון דעם תנ״ך, אדער צו לאזען די אידען אליין; אבער ווען די אידען האלטען ניט פסח נאך גאט׳ס געזעץ און זענען דעריבער אין דער סכנה צו באקומען די שטראף פון אונגע-הארכזאמקייט, אמת׳ע קריסטען קענען ניט לא-זען אידען אליין.

**א.** וואס מיינען די קריסטען ווען זיי זאגען אז אידען האלטען ניט פסח? אלע אמת׳ע אידען האלטען פסח יעדעס יאהר אין דער גאנצער וועלט.

**מ.** ענטשולדיגט מיר, זיי האלטען נ י ט. קיין איד האלט פסח. די אידען האלטען חג המצות, דאס איז אמת, אבער חג הפסח האלט קיין איד.

**א.** ביטע, מאכט מיר קלאר וואס איהר מיינט.

**מ.** דאס ארויסרוימען חמץ, האלטען יום טוב און עסען מצות זיבען טעג הייסט ניט האלטען פסח, דאס הייסט נאר האלטען חג המצות. ווען מען גיבט איינעם נעס מיט די יאדערן ארויסגע-נומען, קען ער ניט זאגען אז ער האט גענעסען נעס?

דאס לאם איז געוועזן די הויפטזאך אין פסח. „גאט האט גערעדט צו משה און צו אהרון אין דעם לאנד מצרים אזוי צו זאגען, דיזער חדש זאל זיין צו אייך דער אנהויב פון חדשים: עס זאל זיין דער ערשטער חדש פון יאהר צו אייך. רעדט צו דעם גאנצען קהל ישראל אזוי צו זאגען, אין צענטען טאג פון חדש זאל זיך נעמען יעדער א לאם צו דעם הויז פון די פעטער, א לאם צו איין הויזגעזינד... אייער לאם זאל זיין אהן א מום, א זכר פון דעם ער-שטען יאהר... און איהר זאלט עס האלטען ביז דעם פיערצענטען טאג פון דעם זעלבען חדש און די גאנצע פערזאמלונג פון דער געמיינדע פון ישראל זאל עס שעכטען בין הערבים און זיי זאלען נעמען פון דעם בלוט און זיי זאלען עס שפריצען אויף די צוויי טהירזייטען און אויף דער איבערטהיר, אויף די הייזער וואס זיי ווע-לען עס אין זיי עסען. און זיי זאלען עסען דאס פלייש אין יענער נאכט, געבראטען אין פייער, מיט מצות און ביטערע קרייטער זאלען זיי עס עסען... און אזוי זאלט איהר עס עסען: אייערע לענדען אנגעגארטעלט, אייערע שיך אויף אייערע פיס, און אייערע שטעקען אין אייערע הענט. און איהר זאלט עס עסען איילענדיג; ע ס א י ז ד ע ר פ ס ח פון דעם האר׳ן. און איך וועל איבערגעהען אים לאנד מצרים אין יענער נאכט. און איך וועל דערשלאגען איטליכען בכור אים לאנד מצרים, פון דעם מענש ביז צו די בהמות... און דאס ב ל ו ט זאל זיין צו אייך פאר א צייכען אויף די הייזער וואס איהר זענט דרינען: און ווען איך וועל זעהען דאס בלוט אזוי וועל איך איבערהיפען איבער אייך". (שמות י״ב. א—י״ג) דא זעהט איהר קלאר אז דער פסח איז בעשטאנען אין א געבראטענעם לאם וועלכער איז געגעסען געווארען אין די הייזער, פון וועל-כע די טהירזייטען און איבערטהיר זענען געוועזן באשפריצט מיט דעם בלוט פון דעם שה הפסח.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

א. איך זעה איצט אז דער חג הפסח איז איין זאך און חג המצות אן-אנדערע; אבער מיר אידען דענקען אז דער לאם איז געווען נאר פאר מצרים, ווייל דער חג המצות איז פאר אלע צייטען.

מ. דא האט איהר א גרויסען טעות. „משה האט געזאגט צו די עלצטע פון ישראל: ציהט אויס און נעמט א לאם... און שעכט דעם פסח. און איהר זאלט נעמען א בינדעל אזוב, און איהר זאלט איינטינקען אין דעם בלוט וואס איז אים בעקען און איהר זאלט אנריהרען די איבערטיהר אין די צוויי טהירזייטען מיט דעם בלוט וואס איז אים בעקען און איהר זאלט ניט ארויסגעהען קיינער פון דער טהיר פון זיין הויז ביז אין דער פריה. ווארין יהוה וועט איבערגע־העןצו פלאגען די מצרים; און ווען ער וועט זעהען דאס בלוט אויף דער איבערטהיר און אויף די צוויי טהירזייטען וועט יהוה אי־בערהיפען איבער דער טהיר און ער וועט דעם פערדארבער ניט לאזען קומען צו אייערע היי־זער צו פלאגען און איהר זאלט היטען די דא־זיגע זאך פאר א געזעץ צו דיר און צו דיינע קינדער אויף עביג". איצט זעהט איהר אז די־זער געזעץ פון פסח איז ניט קיין קלענערע פליכט אויף א אידען ווי דער חג המצות, ווא־רין וועגען פסח ווערט געבאטען „איהר זאלט היטען דיזע זאך אלס א געזעץ צו דיר און צו דיינע קינדער אויף עביג" (שמות י"ב, כ"א - כ"ד). כדי אונזער דיענסט זאל זיין אנגענומען ביי גאט, מוז דיזער דיענסט זיין אין פינקטליכער איינשטימונג מיט גאט'ס געבאטע, מיר מוזען ניט צולייגען אדער אראפנעמען פון גאט'ס געבאטע.

א. וואס האבען מיר איבערגעביטען אין דעם חג המצות? רוימען מיר ניט אויס מיט פארזיכטיגקייט דעם חמץ?

מ. אין הלכות פסח שטעהט געשריבען אז א איד מוז זוכען חמץ ערב י"ד של ניסן, איידער די שטערען בעווייזען זיך און ביי דער ליכט פון א וואקסענעם ליכט, און ניט ארבייטען, עסען אדער לערנען ווען די צייט דאצו ווערט נא־הענט. ווען ער זוכט גוט און ער זעהט א מויז אריינקומענדיג אין הויז מיט חמץ אין איהר מויל, מוז דער איד נאכאמאל זוכען ביז ער גע־פינט דאס ברויט. אבער אויב א מויז געהט אריין אין הויז מיט ברויט און א מויז געהט ארויס מיט ברויט, מעג ער באשליסען אז ס'איז די זעלבע מויז, און דארט מעהר ניט זוכען; אבער אויב די מויז וואס איז אריינגעגאנגען איז א שווארצע און די וואס איז ארויסגעגאנגען איז א ווייסע, דארף מען זוכען. אויב א מויז איז אריינגעגאנגען מיט ברויט און א וויזעל-טהיער איז ארויסגעגאנגען מיט ברויט, דארף מען זו־כען. אויב א מויז און א וויזעל-טהיער געהען ביידע ארויס און דאס וויזעל-טהיער האט ברויט אין זיין מויל, דארף מען ניט זוכען, מען קען שוין באשליסען אז דאס ברויט איז אריינגע־בראכט געווארען ביי דער מויז.

יעדער ווייסט אז דאס האט קיין גרונד אין די כתבי קדש (תנ"ך), דאס איז פשוט מענשענ'ס אויסטראכטונג און קען ניט זיין וואוילגעפעלען צו גאט. דאצו איז עס גאנץ קלאר אז דאס מאסקירטע פערקויפען חמץ צו גויים איבער פסח ביי אידען וואס האנדלען מיט חמץ, איז א קונץ צו וועלכען גאט קאן ניט מסכים זיין און וועלכער האט א שלעכטען איינפלוס אויף א מענשענ'ס כאראקטער.

א. דיזע זאכען, איך מוז מודה זיין, זענען ניט ריכטיג, און איך פיל זיך האלב פערשעמט ווען איהר ווייזט זיי מיר אויס; נאר, איהר זעהט, מיר זענען געוואוינט צו זיי, און אזוי זענען זיי גאנץ נאטירליך פאר אונז. וואס זאגט איהר וועגען דעם פסח?

מ. נאך ערגער! ס'איז גאר אין גאנצען קיין פסח ניטא! ס'איז נאר דא אויפ'ן טיש אחוץ די מצות אן-איי, חרוסת, זאלץ וואסער, סאלאטע און כרפס. און סע ווערט אונז אנגעזאגט אז זרוע און אן-איי דארפען געבראטען ווערען אויף פייער. דאס ערשטע (דער זרוע) איז אן-אנדענק פון פסח און דאס צווייטע, דאס איי — פון דעם קרבן פסח. איצט פרעגען מיר אייך, זענט איהר זיכער אז גאט איז צופרידען מיט אייער האל־טען פסח, ווען ער האט אונז גאר עפס אנדערש געבאטען? ווער האט דאס רעכט צו פארבייטען גאט'ס לאם מיט א זרוע אדער אן-איי? גאט זאגט א לאם. מיר זאגען שוין גארניט וועגען

דעם מרור, די זאלץ וואסער, דעם חרוסת, נאר מיר מוזען אייך אויפמערקזאם מאכען וועגען דעם זרוע און איי. דער פסח יהוה גיט אונז א לאם וועלכעס דארף געבראטען און גע-געסען ווערען ביי יעדען געהארכזאמען אידען, און דאס בלוט פון דעם לאם אונז צו באשיצען פון טויט. דער אידישער פסח גיט אונז אַ זרוע מיט קיין פלייש צו עסען און אנ־איי מיט קיין בלוט צו אונז בעשיצען פון טויט.

ישעיה הנביא זאגס: ותהי יראתם אתי מצות אנשים מלמדה. דאס איז איין ביישפיעל פון פיעלע ווי אונזערע פיהרערס האבען פערבי-טען דאס ווארט פון גאט מיט די געזעצען פון מענשען. מיר האבען פערלאזען די קוועלע פון לעבעדיגער וואסער און מיר האבען זיך אויסגע-גראבען ברונען, צובראכענע ברו-נען, וואס האלטען ניט קיין וואסער. דאס מא-דערנע אידענטהום איז ווייט ווי צפון פון דרום פון דעם אידענטהום פון דעם תנ"ך. פון דעם אידענטוהם וואס גאט האט אונז געבאטען. און פילע וואס האבען געזוכט אן-ערקוויקונג פאר זייערע נשמות אין אזא רעליגיאן האבען זיך אוועקגעקעהרט מיט די ווערטער פון קהלת; „הבל הבלים, הכל הבל".

מיט וואס פאר א פריידע ווערט אבער דער-פילט דאס הארץ פון דעם אידען, וועלכער דער-זעהט אז דער גאט וועלכער האט גערעדט דורך משה און די נביאים האט אין די לעצטע טעג גערעדט צו אונז דורך דעם בן אלהים ישוע המשיח? אין איהם זענען אלע הבטחות פון גאט יא און אמן. ער איז דער אמת'ר זבח פסח וואס האט פארגאסען זיין בלוט אום אונז אויס-צולייזען פון א גרעסערען גלות פון דעם גלות מצרים. דאס איז דער גלות החטא. דאריבער רייניגט אויס דעם אלטען חמץ פון א פאלשען רעליגיאן און דיענט גאט מיט א ריין הארץ ווארין משיח אונזער קרבן פסח איז אויך פאר אייך געאפ-פערט געווארען.

י. ש. א.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

# שיר הגאולה.

ברידער זעהט משיח'ס פאהנע,
ווי זיא הערליך וועהט!
פרייא, דערלייזט פון גרעסטען שונא
מיט משיח געהט!

כאר:
ארויס, ארויס, וויא פון מצרים,
משיח פיהרט אונז אן
אונזער ציעל איז ירושלים,
פאלגט משיח'ס פאהן!

אויף דעם דגל איז דער צייכען,
וואס בעוויזט זיין זיעג,
און מיר וועלען דארט דערגרייכען,
ווייל ער פיהרט דעם קריעג.

אונזער עלענדס אלע שמערצען,
און דעם גלות שרעק.
אונזער וועהטאג פון דיא הערצער
נעמט ער אונז אוועק.

אונזער זינד האט ער גענומען
און בעזיגט דעם טויט,
און מיר קענען ארויסקומען
נאר אויף איהם פערטרויט!

גאט זייא דאנק פאר זיינע חסדים,
וואס ער האט געטאן!
אידען, זייט ניט קיין עבדים
פאלגט משיח'ס פאהן!

# וואס איז דאס אזעלכעס א יודען־קריסט?

מיר גיבען דא אנ־עקסטראקט פון אנ-אר־טיקעל וואס האט ערשינען אונטער דעם זעלבען טיטעל אין דעם זשורנאל מארגענשטערן. מיט פערגנוגען האבען מיר געלעזען דיזען קורצען און שארפען ענטפער צו א פראגע וואס ווערט אפטמאהל געפרעגט און מיר ווילען דאס אויך אונזערע לעזער מיטטהיילען.

„ווען א איד הערט דאס ערשטע מאל יודען-קריסט, קומט עס איהם פאר זעהר מאדנע, ער קאן דאס נישט באגרייפען: וואס הייסט דאס אזעלכעס? ער ווייסט אדער איד אדער קריסט, אבער, אז די ביידע זאלען זיך געפונען אין איין פערזאן, דאס שיינט איהם צו זיין אונמעגליך. מאנכער איד מאכט זיך נאך דערביי א ווערטל: עס איז פאריין מילכיג אדער פליישיג, דאס וואס איז אבער גלייכצייטיג אי מילכיג אי פליישיג, רופט מען אן אויף אידיש „פארווע" ד. ה. אז עס איז ביידע נישט, נישט מילכיג און נישט פליישיג און דערצו וויל ער דאס פערגליי-כען דעם בעגריף יודען-קריסט, אז דער פערזאן, וועלכער טראגט דעם דאזיגען נאמען איז מכלו-מרשט ביידע נישט, נישט קיין איד און נישט קיין קריסט.

קודם כל ראטען מיר די יעניגע, וועלכע ס'איז שווער צו פערדייהען דעם באגריף יודען-קריסט, אז זיי זאלען דאס זעלבע איבערזעצען אויף העברייאיש וואס וועט הייסען יהודי—משיחי, דאס מיינט א איד אנ-אנהענגער פון משיחי'שען געדאנק. דאס ווארט משיח אין העברייאיש קלינגט אין גריכיש קריסטוס.

אלזא יעדער איד, וועלכער גלויבט, אז דאס אידישע פאלק וועט ווערען געהאלפען און אויס־געלייזט פון גלות נאר דורכ'ן משיח, הייסט ער שוין א יהודי—משיחי, וועלכעס האט נישט אין אידיש קיין אנדערע איבערזעצונג ווי יודען־קריסט.

מיר קומען אלזא צו אייך אידישע ברידער נישט מיט קיין פרעמדע טעאריעס און אידעא־לען, נאר מיט דעם וואס איז דעם אידישען פאלק אים טייערסטען, מיט דעם וואס די אי-דישע נביאים האבען אויף אייביג פערהערליכט אין זייערע מאנומענטאלע ווערק, מיט דעם, אהן וועלכען אונזער גאנץ אידיש פאלק איז ווי א גוף אהן א נשמה.

ווען אונזערע אידישע ברידער וואלטען גע-האט אנ'אמת'ן בעגריף וועגען משיח'ן און זיין אויפגאבע, דאן וואלטען זיי לייכט פערשטאנען וואס דאס הייסט „יודען־קריסט".

וואס נעווענטער מיר וועלען צוקומען צו די כתבי קדש וועלען מיר זיך מעהר איבערצייגען ווי ווייט אונזערע געדאנקען זענען ווייט פון גאט'ס געדאנקען. פיעלעס פון דעם וואס ווייזט זיך אונז אויס פרעמד און נאריש וועט אונז דע-מאלט פערשטענדליך ווערען. אונזער עצה איז נאכאמאל „דרשי בכתובים!"

י. ש. א.

---

# וואס דארף ישראל וויסען?

מעשי השליחים ב' 36.

(פון ברית עם)

איז דאס ביינקען נאך גליק און פרידן, נאך מאכט און קראפט אים לעבן אזוי אלט ווי די מענשהייט. איז אויך דאס יאגען און שטרעבען נאך וויסען, נאך ערקענטניס ניט פיל יונגער. דערפאר טאקע האט דער שטן אויסגענוצט דעם דראנג צום וויסען און האט געזאגט: „איר וועט זיין ווי געטער וויסענדיג דאס גוטע און דאס בייזע".

וויסען איז געווארען דער לאזונג פון די מענשען. מען מיינט, אז וואס מערער מען ווייסט, איז מען א גרעסערער חשוב, א גרעסע־רער חכם. וואס פאר א אוצרות פון וויסען הא־בען מיליאנען מענשען צוזאמענגעטראגען זייט 6000 יאהר! נאר א קליינער טייל פון דעם וויסען איז אונז פארצייכענט געווארן דורך שריפט, און דאס אויך נאר פון א געוויסער צייט, ווייל ווען מען וואלט אפילו שוין געקענט אלע ביכער און מאנוסקריפטען, וואס זענען אמאל ענטשטאנען, וואלטען מיר דאך ניט גע־האט די געשיכטע פון פיל פעלקער און שטא-

BCU Cluj / Central University Library Cluj

מען מיט זייערע שפראכען, מנהגים און געזעצען, וועלט און נאטור אנשויאונגען מיט זייערע ציוויליזאציאן און קונסט, ווייל עס זענען אים 15-טען יארהונדערט געווען פעלקער, וואס האבען נאך ניט געהאט קיין אלפאבעט, קיין שריפט און האבען דאך געהאט א הויכע ציוויליזאציאן, ווי צ״ב די פערואנער, מעקסיקאנער א. ז. וו.

גאנץ באזונדערס אבער וויל מען וויסען נייס. מען דארף נאר א קוק טאן אויף די וועלט פרעסע און זעהן, וויפיעל מיליאנען צייטונגען, זשורנאלן און בלעטער עס גייען יעדען טאג ארויס און צוטראגען די נייסן פון איין עק וועלט ביז'ן אנדערען. די מענשען האפען זיי מיט דער גרעסטער נייגריגקייט כדי נאר געוואר צו ווערען נייס; מען וויל וויסן. אונזער טעקסט רעדט אויך פון וויסען, אבער קיין צייטונג-וויסען, קיין חכמה-וויסען, קיין האנדעלס וויסען, קיין פאליטישעס וויסען, און דאך איז עס א וויסען, וואס יעדער איד מוז און זאל עס הערען.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

באטראכטען מיר א ביסעל, וואס דער שליח פטרוס, דער ערשטער יהודי—משיחי'שער פרעדיגער, הייסט וויסען. אבער איידער מיר וועלען דאס טאן, לאמיר זעהן, וואס ווייסט דער איד.

מיר אידען זענען א עם חכם ונבון, א קלוג פאלק און ווייסען זייער פיל. עס איז זעלטען צו געפינען א איד, וואס זאל ניט קענען לייענען חאטשע איין שפראך; אים שלימסטען אופן קען א איד דאווענען. מיר אידען אים אלגעמיין קענען כמעט אלע שפראכען פון דער ציוויליזירטער וועלט, ווייל מיר זענען צוזייט און צושפרייט אויף דער גאנצער וועלט צווישען אלע פעלקער און נאציאנען. מיר אידען ווייסען פיל צו דערציילען פון די געטליכע מענער, אבות און נביאים. מיר ווייסען פיל פון רעליגיאן. וועלכער איד ווייס דאס ניט, אז דער אידישער גאט איז דער שטארקסטער, און אז ער האט אויסגעלייזט די אידן פון מצרים? דערפאר איז טאקע פסח, און מען עסט מצה און מרור. אויפן בארג סיני איז געגעבן געווארן די תורה און דערפאר איז שבועות. תשעה באב איז דער בהמיק חרוב געווארען, און דערפאר פאסט מען. ראש השנה איז דער יום הדין, גאט משפט, בלאזט מען שופר כדי מבלבל צו מאכען דעם שטן, אז ער זאל ניט קענען מקטרג זיין, און דער גזר דין זאל ניט ווערען צו שטארק. ער ווייסט אויך, אז דער איד איז דער חשוב׳סטער ביי גאט. דאס אלץ ווייסט א איד. אבער דאס וויל זאגען, אז אונזער גאנצעס וויסען פון דעם ארט מאכט אונז ניט גליקליך און צופרידען, דאס מאכט אונז ניט פאר גאטס קינדער און פאראייניגט אונז ניט מיט דעם הימעלשען פאטער.

ווי ווייט איז אונזער וויסען ריכטיג? דער איד מיינט, אז אין וועלטליכע זאכען ווייסט ער אויך מעהר ווי אנדערע. „א אידישע קאפ" הייסט עס באלד. וואס קען ניט א אידישער מוח? די למודים החיצונים לערנט דאך דער איד על רגל אחת, אויף איין פוס, ווען עס איז ניט טאג און ווען עס איז ניט נאכט. נאר די גוים מוזן אזוי פיעל לערנען און שטודירען. דערפאר טאקע, ווייל דער איד איז אזוי קלוג, האט ער ניט אנגענומען דעם ב״ח, וואס איז נאר פאר גוי׳עשע קעפ.

אין אמת׳ן מיינט א אידישער יונגער מאן, אז ער ווייסט אלץ. ער ווייסט צו דערציילען פון פארשידענע פעלקער אין ביבעל און גאנץ באזונדערס אין ברית החדשה. ער ווייסט, אז דאס שטימט ניט, און יענץ שטימט ניט. ער ווייסט אויך צו דערציילען פון ישוע המשיח, אז ער איז געווען א גרויסער לערער, א גרויסער פילאסאף, א פאטער פון סאציאליזם און אפילו פון קאמוניזם. מעהר ווי אלץ ווייסט דער איד אז פאר געלט קריגט מען די וועלט. דערפאר ווענדעט דער איד אן זיין גאנצע ענערגי און כוח אום צו באזיצן וואס מעהר געלט און צו דינען דעם געץ ממון.

*(פארטזעצונג קומט).*

# אין וואס איז גליק?

**ניט אין אונגלויבען.**

דער געלעהרטער **וואלטער** איז געווען איין אונגלויביגער אין פולען זינען פון ווארט. ער האט געשריבען: הלואי וואלט איך קיינמאל ניט געווען געבוירען געווארען.

**ניט אין פערגניגען.**

דער געוויסער **בייראן** האט פערבראכט זיין לעבען אין פערגניגען, ווי קיין אנדער מענש. ער האט געשריבען: „א ווארעם, ראק און צרות. דאס איז אלעס, וואס איז מיינס”.

**ניט אין געלט.**

**גוילד**, דער אמעריקאנישער מילליאנער, האט געהאט גענוג געלט. שטארבענדיג האט ער געזאגט: „איך לאז צו, אז איך בין דער אונגליקליכסטער טייפעל אויף דער ערד.

**ניט אין הויכער לאגע און ניט אין כבוד.**

לורד ביקאנספילד האט דאס געהאט מעהר ווי ער האט בעדארפט. ער האט געשריבען: „יוגענט איז א אירטהום (פעהלער), מיטעלעלטער — א מלחמה, עלטער — חרטה”.

**ניט אין מיליטערישען כבוד.**

אלכסנדר דער גרויסער האט אין זיין צייט איינגענעהמען א האלבע וועלט. ווען ער האט דאס דערגרייכט האט ער געוויינט אין זיין געצעלט, זאגענדיג „איצט איז מעהר ניט געבליבען וואס אנצונעהמען”.

אלע און יעדער בעזונדער בעשטעטיגען דאס בעקענטניס פון שלמה—„הכל הבל ורעות רוח”—אלעס איז נארישקייט און ערגערניס פון גייסט. (קהלת ב. 17).

אין וואס זשע איז עס פעראן?

ישוע האט געזאגט:

„איך וועל אייך ווידער זעהן און אייער הערץ וועט זיך פרייען און קיינער וועט אייערע פרייד פון אייך ניט נעמען. יוחנן ט״ז. 22.

**נאר אין משיח**

טעמו וראו!

# דער פרא־פאלעסטינער קאמיטעט.

מיר וועלכע גלויבען אין ישוע המשיח ווערען אפטמאהל בעשולדיגט אין אסימילאציע, דען מיר מאכען קיין חלוק צווישען איד און גוי. דאס לעבען בעווייזט אבער עפּס אנדערש. ניט לאנג איז אין עסטרייך (ווי אויך אין אנדערע לענדער) געגרינדעט געווארען א פרא-פאלעסטינער קאמיטעט ביי קריסטען. די זענען, ווייזט אויס, מענשען וועלכע אינטערעסירען זיך מיט דער אידישער פראגע. זייער ציעל איז צו פערטהיידיגען די אינטערעסען פון פאלעסטינע, און אויף אזא אופן ארויסצורופען מעהר אייפער (קנאה) ביים אידען צו פאלעסטינע. זיי זאגען אז ביז דער איד וועט ניט זעהען אז דער גוי האט אינטערעס אין א״י וועט ער ניט קענען אפשעצען די געלעגענהייט וואס ער האט איצט. דאס איז א בעוויז אז אין גייסט איז שוין דער איד אסימילירט, און פיהלט קיין נויט אין אן-אייגען לאנד. מיר, מאמינים בישוע המשיח ברענגען **גויים** צו גלויבען אין דעם גאט פון אברהם, יצחק ויעקב, אבער, אונזערע בעשולדיגער האטשי זיי האלטען זיך בעזונדער האבען זיך אזוי אנגעזאפט מיט דעם גייסט פון די גויים אז זיי דארפען שוין אז גויים זאלען וועקען אין זיי די העכערע געפילען פון דעם בערוף מיט וועלכען גאט האט די אידען בערופען. מיר גלויבען אויפ'ן גרונד פון די כתבי קדש אז דער וואס האט צעזייט, ישראל וועט איהם אויך צונויפנעמען, אז ישראל וועט נאך אמאל זיין א ברכה אין דער וועלט, נאר ערשט דעמאלט ווען זיי וועלען קוקען אויף איהם וועמען זיי האבען געשטאכען (זכריה י״ב).

איהם (ישוע המשיח) האט גאט דערהייכט מיט זיין רעכטע האנד „לשר ולמושיע” צום פירשט און רעטער, אז ער זאל געבען תשובה צו ישראל און סליחת חטאים. (ברית החדשה).

**י. ש. א.**

BCU Cluj / Central University Library Cluj

# ספעציעלע פערזאמלונגען
## אין זאאל „בית אל"
**[str. Wl. Herz 10] מיעסטשאנסקאיא**

## די ערשטע טעג פסח
**דאנערשטאג און פרייטאג**
**4 אזייגער נאך מיטטאג**

## שבת, חול המועד 4 א זייגער
## א יום טוב פאר קינדער און עלטערן.

**זונטאג, חול המועד 7 א זייגער אבענד**

**דינסטאג, חול המועד 8 א זייגער אבענד**

יום טוב'דיגע פערזאמלונגען אין וועלכן אונזער ארקעסטער וועט טייל נעמען, סאלא וויאלין, מיט אקקאמפ. פוסהארמאניום.

אונזער פארשטעהער פון דער מיססיאן, **ל. אווערבאך** וועלכער איז ערשט צוריקגעקומען פון אמעריקא און ענגלאנד וועט דערצעהלען וועגן זיין רייזע אויך וועגען דער לאגע פון די אמעריקאנער און ענגלישע אידען.

## דער איינגאנג פריי פאר יעדען.

# The Mildmay Mission to the Jews.
## אין זאאל „בית־אל", קישינעוו
(str. Wl. Herț. 10) — מיעסטשאנסקאיא

## דרשות און געזאנג וועגן גאט'ס ליבע

**יעדן ש ב ת 4 א זייגער און 7 א זייגער אבענד**
**יעדן זונטאג 7 א זייגער**

**די דרשות ווערן אויך אילוסטרירט מיט ליכט־בילדער.**

געזאנג מיט אקקאמפאנימענט פוסגארמאניום און אנדערע אינסטרומענטן.

**אין זאאל „בית־אל" איז אויך צו בעקומען חמשים תנ"ך, און אנדערע רעליגיעזע ביכער אויף זשארגאן, לשון־קודש, רוסיש, רומייניש.**

**אבאנאמענטן פרייז: — יאהרליך 12 לעי, 6 חדשים 6 לעי.**

**אלע אבאנאמענטן ערהאלטן די „ציונ'ס־לידער" אומזיסט.**

**פיר אנדערע שטייט מיט 1 לעי מעהר**

Adresa: Redacția „Binevestitorul" Expediț. N. Tarlev.
str. Wl. Herț. 10. Chișinău—Basarabia.

Redacția și Administrația: Mision. Englez. „Mildmay", L. Awerbuch

BCU Cluj / Central University Library Cluj